**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/6/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט איבער 90 מיליאן דאלאר אין איינמאליגע פינאנצירונג פאר קונסטווערק ארגאניזאציעס אריבער ניו יארק סטעיט**

***ניו יארק סטעיט קאונסיל פאר קונסטווערק'ס אינפראסטרוקטורישע פראיעקטן קאסע וועט שטיצן טראנספארמאטיווע פראיעקטן ביי 19 קונסט און קולטור ארגאניזאציעס***

***אויך איז אנאנסירט געווארן די אנהויב ארבעט אויף איבערבויאונג פון Storm King Art Center צו בארייכערן די ערפארונג פאר באזיכער און באשיצן די זיכערהייט פון איינגעשטעלטע און קונסטווערק***

***טייל פון די גאווערנער'ס היסטארישע אינוועסטירונג פון 150 מיליאן דאלאר אין אינפראסטרוקטורישע פראיעקטן פאר ניו יארק'ס קונסט און קולטור אינסטיטוציעס צו ערמעגליכן צו אונטערנעמען גרויסארטיגע דעזיין און קאמיוניטי אנטוויקלונג פראיעקטן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט א רעקארד הויכע 90.5 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פאר גרויסארטיגע אינפראסטרוקטורישע פראיעקטן ביי 19 קונסט און קולטור ארגאניזאציעס אריבער ניו יארק סטעיט דורך די ניו יארק סטעיט קאונסיל פאר קונסטווערק'ס (New York State Council of the Arts, NYSCA) 'אינפראסטרוקטורישע פראיעקטן קאסע' (Capital Projects Fund). די אנאנס – קומענדיג נאך א 42 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג וואס איז געמאכט געווארן אין קליינע און מיטלמעסיגע אינפראסטרוקטורישע פראיעקטן וואס איז אנאנסירט געווארן אין אפריל – איז טייל פון די גאווערנער'ס היסטארישע 150 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין אינפראסטרוקטורישע פארבעסערונגען פאר קונסט. גאווערנער האקול האט אנאנסירט די נייע פינאנצירונג ביי די 'הנחת אבן הפינה' צערעמאניע פאר דעם קאמפוס-ברייטע פארבעסערונג פראיעקט אויף די Storm King Art Center, א 500-אקער גרויסע דרויסנדיגע מוזעאום אין די מיד-האדסאן ראיאן און א געוואונער פון א 7.5 מיליאן דאלארדיגע 'גרויסע אינפראסטרוקטורישע פארבעסערונג גרענט' (Large Capital Improvement Grant) פון NYSCA.

"פון ניו יארק סיטי ביז די נארט קאנטרי, אינוועסטירן מיר אין אונזער סטעיט'ס שטאנדהאפטיגע קונסט און קולטור פעלד צו זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער, אפגעזעהן פון וואו זיי קומען, האבן צוטריט צו די מהפכיות'דיגע מאכטט פון קונסט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אונזער פרעצעדענטלאזע שטיצע פאר די מיטגעטיילטע חזון פאר צוגענגליכע און שטאנדהאפטיגע קולטורישע פלעצער וועט ברענגען א שטערקערע עקאנאמיע, מער דזשאבס און א פארבעסערטע קאמיוניטי און פערזענליכע געזונטהייט פאר ניו יארקער און פאר אונזערע באזיכער פון ארום די וועלט."

אין צוגאב צו NYSCA'ס שטיצע, האט עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) געשאנקען מער פון 3 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פאר די Storm King Art Center – א 2 מיליאן דאלארדיגע איינמאליגע גרענט און א 1.2 מיליאן דאלארדיגע 'מארקעט ניו יארק'

גרענט – נאך וואס די לעצטע איז רעקאמענדירט געווארן דורך די מיד-האדסאן ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל (Regional Economic Development Council). NYSERDA האט אויך בייגעשטייערט $600,000 צו דעם פראיעקט, ברענגענדיג די סומע פון ניו יארק סטעיט'ס שטיצע אין סך הכל פאר די איינריכטונג צו העכער 11 מיליאן דאלאר.

NYSCA'ס 'גרויסע אינפראסטרוקטורישע פארבעסערונג גרענטס פאר קונסט און קולטור' שטיצן קונסט און קולטור אינסטיטוציעס אריבער די סטעיט וועלכע נעמען אונטער איינפלוסרייכע, גרויסארטיגע אינפראסטרוקטורישע פארבעסערונגען. גרענטס זענען צווישן 2 מיליאן דאלאר ביז 10 מיליאן דאלאר פאר פראיעקטן וועלכע קאסטן אין סך הכל 4 מיליאן דאלאר אדער מער. די געלטער וועלן שטיצן אינוועסטירונגען צו פארברייטערן קולטורישע פראגראמען, אנקומען צו נייע און פארשידנארטיגע באפעלקערונגען און צו פארמערן צוגענגליכקייט. די גרענטס וועלן אויך העלפן פאראויס שטופן די סטעיט'ס ציהלן פאר פארשידנארטיגקייט, גלייכקייט און אריינגעמיגקייט, און עס וועט אויפפאדערן אלע וועלכע באקומען גרענטס זיך צו פארפליכטן צו געזעלשאפטליכע גלייכקייט איניציאטיוון און צו צוטריט פלענער וואס דינען אלע ניו יארקער. די NYSCA'ס גרויסע אינפראסטרוקטורישע פארבעסערונג גרענטס פראגראם ווערט אויפגעהאלטן אין צוזאמענארבעט מיט עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט וואס קוקט איבער אפליקאציעס צו אפשאצן די פאטענציאל פון פראיעקטן צו שטיצן לאקאלע דעזיין אונטערנעמונגען, קאמיוניטי אנטוויקלונג און שטאט-צענטער אויפלעבונג באמיאונגען.

די גרענט פאר די Storm King Art Center וועט בארייכערן די ערפארונג פאר באזיכער דורך די קאנסטרוקציע פון צוויי נייע געביידע עלעמענטן: די Welcome Sequence ('אויפנאמע רייע') און די Conservation, Fabrication, and Maintenance Building (אפהיטונג, פאבריקאציע און אויפהאלטונג געביידע). די Welcome Sequence וועט העלפן פארגרינגערן פאר באזיכער ביים אנקום דורכן טאפלען די פארקינג פלעצער, אוועקנעמען טראפיק און צולייגן נייע איינריכטונגען צו אקאמאדירן געסט און טור גרופעס וואס קומען אן. די Conservation, Fabrication, and Maintenance Building געביידע וועט זיין די Storm King'ס סאמע ערשטע פלאך געבויט ספעציעל צו ערלויבן קונסטלער צו ארבעטן אויף פאבריקאציע, זיך צו בעסער אפגעבן מיט זייערע זאמלונגען דורכן דורכפירן וויכטיגע אפהיטונג ארבעט וויכטיגע קונסטווערק אויפן ארט און צו צושטעלן פאר די איינגעשטעלטע זיכערע און גוט אויסגעשטאטעטע איינריכטונגען. די נייע איינריכטונג וועט אויך לייגן קלימאט פריינטליכקייט אלץ א פריאריטעט מיט א פולשטענדיג-עלעקטרישע געביידע און LEED Gold סערטיפיקאציע פאר די Welcome Sequence, ווידערהאלנדיג Storm King'ס לאנגיאריגע היסטאריע פון לאנד אפהיטונג און ענווייראמענטאלע אויפקלערונג.

אין צוגאב צו די Storm King Arts Center, רעכענען אנדערע געווינער פון NYSCA גרענטס וועלכע זענען היינט אנאנסירט געווארן אריין:

**Hudson Valley Shakespeare Festival, פיליפסטאון: LEED-סערטיפייד דרויסנדיגע טעאטער און צוריקשטעלונג פון א נאטורליכע שטח**

- דער פראיעקט וועט טראנספארמירן א לעצטנס אפגעקויפטע 98-אקער גרויסע שטח צו ווערן אן אפענע דעסטינאציע פאר גאנציאריגע ערשט-קלאסיגע פארשטעלונגען, ציהענדען חינוך'דיגע פראגראמען און צוטריט צו לאנד וואס וועט פערמאנענט אפגעהיטן ווערן.

**Lake Placid Association of Music, Drama and Art (לעיק פלעסיד אסאָוסיעישען פאר מוזיק, דראמא און קונסט), לעיק פלעסיד: קאנסטרוקציע פון א נייע קונסטווערק איינריכטונג**

- דער פּראָיעקט וועט אויפבויען אַ נייע מאָדערנע קאָמפּלעקס פאַר קונסטווערק, אַ דעסטינאַציע פאַר קונסטלִיכע אויסגעצייכנטקייט אין די נאָרט קאַנטרי און אַ קריטישע מיטל צו פאַרשטערקערן קולטורישע טוריזם.

**National Black Theatre Workshop, ניו יאָרק סיטי: נייע פאַרשטעלונג קונסט צענטער קאַנסטרוקציע**

- NYSCA געלטער וועלן שטיצן די קאַנסטרוקציע פון אַ צענטער מיט מערערע צוועקן, פאַר אייגנאַרטיגע קונסטווערק און דזשאַב טרענירונג, וואָס וועט זיין אַן ערשט-קלאַסיגע קונסט איינריכטונג, צושטעלנדיג קולטורישע און חינוך'דיגע פּראָגראַמען, דזשאָב טרענירונג סערוויסעס און אַן 'אינקיובעיטאָר' — אַ קערפּערשאַפט צו העלפן נייע ביזנעסער אין די שעפערישע פעלדער.

אַ פולע ליסטע פון געווינער פון NYSCA גרענטס איז פאַרעפנטליכט [דאָ.]

אין סעפטעמבער פון 2022 האָט גאווערנער האָקול אָנאָנסירט די 150 מיליאָן דאָלאַרדיגע אינפראַסטרוקטורישע פּראָיעקטן קאַסע צו שטיצן ניו יאָרק'ס קונסט און קולטור אינסטיטוציעס און צו ערמעגליכן צו דורכפירן גרויסאַרטיגע אינפראַסטרוקטורישע פּראָיעקטן וועלכע שטעלן אַלץ פּריאָריטעטן קאַמיוניטי אַנטוויקלונג און ברייטע דעזיין און פּלאַנירונג פאַר שטחים. אין צוגאָב צו דעם קאַפּיטאַל פּראָיעקטן פאָנד, וועט NYSCA צוטיילן 90 מיליאָן דאָלער אין נישט-קאַפּיטאַל גרענטס צו קונסט אָרגאַניזאַציעס און קונסטלער פאַר FY2023.

**ניו יאָרק סטעיט קאָונסיל פאַר קונסטווערק עקזעקיוטיוו דירעקטאָרין, מאַרא מאַנוס, האָט געזאָגט,** "די באַגייסטערנדע קונסט און קולטור אינפראַסטרוקטורישע פּראָיעקטן וועלן פאַרזיכערן די שטאַנדהאַפטיגקייט און פעסטקייט פון אונזער פעלד פאַר פילע צענדליגע יאָרן אין די צוקונפט. אין צוגאָב וועלן די פּראָיעקטן זיך אָפּצאָלן 'כפלי כפליים' פאַר יעדע קאַמיוניטי, מעין סטריט ביזנעס און אַרבעטער. מיר זענען גאָר דאַנקבאַר פאַר די גאווערנער און פאַר אונזערע סטעיט פירער פאַר די היסטאָרישע 90 מיליאָן דאָלאַרד אין פינאַנצירונג און פאַר זייער אָנערקענונג פון די ממשיות'דיגע בענעפיטן וועלכע קומען פון אונזערע ניו יאָרקע קונסט און קולטור פעלצער. די קריטישע אינוועסטירונגען אין אינפראַסטרוקטורישע פּראָיעקטן פאַר קונסט און קולטור וועלן שטיצן ווייט-בליקנדע אויסברייטונגען, וויכטיגע פאַרבעסערונגען פון איינריכטונגען און קאַמיוניטי-בויאונג סטראַטעגיעס וועלכע וועלן פאַרשטערקערן די געזונטהייט, זיכערהייט און צוגענגליכקייט פאַר אַלע ניו יאָרקער און פאַר אונזערע באַזיכער."

**ניו יאָרק סטעיט קאָונסיל פאַר קונסטווערק פאָרזיצערין, קעטערין ניקאַלס, האָט געזאָגט,** "אינפראַסטרוקטורישע פּראָיעקטן פאַר קונסטווערק ברענגען אַרויס מעשים פון דיבורים. זיי האָבן אַ לאַנגיאָריגע השפעה דורכן שאַפן דזשאָבס, בויען שטאַרקערע קאַמיוניטיס און דורכן באַפולמעכטיגן קולטורישע אָרגאַניזאַציעס צו בעסער דינען לערנער אין יעדע עלטער. אין נאָמען פון די NYSCA איינגעשטעלטע, די קאָונסיל און אונזער קונסט און קולטור קאַמיוניטי, וויל איך אָנערקענען גאווערנער האָקול און אונזערע סטעיט'ס געזעצגעבער פאַר זייער שטיצע פון די גאָר איינפלוסרייכע גרענטס וועלכע וועלן פאַרשטערקערן די עקאָנאָמישע און פערזענליכע געזונטהייט פון ניו יאָרקער פאַר פילע דורות אין די צוקונפט."

**עמפייער סטעיט דעוועלאָפּמענט פּרעזידענט, CEO און קאַמישאַנער, האָפּ נייט, האָט געזאָגט,** "די Storm King Arts Center – איינס פון ניו יאָרק סטעיט'ס מערסטע אָטעם-פאַרכאַפּנדע און אייגנאַרטיגע דעסטינאַציעס – ציהט צו באַזיכער פון אַרום די גאַנצע וועלט, און עס איז אַ וויכטיגע עקאָנאָמישע טרייב קראַפט פאַר די מיד-האַדסאָן ראַיאָן. די ESD איז שטאָלץ צו שטיצן Storm King's פאַרברייטערונג כדי

אפילו מער איינוואוינער און באזיכער זאלן קענען האבן די ערפארונג פון די נאטורליכע שיינקייט און באצויבערנדע אויסשטעלונגען פאר פילע יארן אין די צוקונפט."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט וויצע פרעזידענט און עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון טוריזם, ראס ד. לעווי, האט געזאגט,** "די I LOVE NY (איך האב ליב ניו יארק) קאמפיין איז שטאלץ צו שטיצן אינפראסטרוקטורישע פראיעקטן ביי ניו יארק'ס ערשט-קלאסיגע קונסט און קולטור אטראקציעס ווי די Storm King דורך דעם 'מארקעט ניו יארק' פראגראם. Storm King אפפערט א באמת אייגנארטיגע ערפארונג פאר באזיכער וואס וואלט באריכערט סיי וועלכע זומער אויספלוג צו די האדסאן וואלי, און עס איז נאך א סיבה פארוואס עס איז גרינג פאר באזיכער און איינוואוינער צוגלייך צו ליב האבן ניו יארק."

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט ( New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) פרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "דער Storm King פראיעקט איז א מוסטער פאר ריינע און שטאנדהאפטיגע דעזיין מיטן אריינגעמען ענערגיע-שפארזאמע און עלעקטריפיקאציע הינזיכטן, און NYSERDA איז שטאלץ צו שטיצן די ארבעט. עס פארקערפערט ניו יארק סטעיט'ס שעפערישע גייסט און פארפליכטונג צו שטיצן די קונסט און קולטור אינסטיטוציעס אריבער די סטעיט אלץ איינס פון די פילע וועגן צו מאכן אונזער גרינע עקאנאמיע וואקסן."

**סטעיט סענאטאר דזשעימס סקוּפיס האט געזאגט,** "ווען ניו יארק סטעיט אינוועסטירט אין קונסטווערק, אינוועסטירט זי אויך אין טוריזם, דזשאבס און אין די קולטורישע און געזעלשאפטליכע געזונטהייט פון אונזערע קאמיוניטיס. די Storm King Art Center איז א הויפט שפילער אין די האדסאן וואלי'ס קולטורישע מאטעריאל, און איך אפלאדיר די גאווערנער'ס און NYSCA'ס שטיצע פון די ארגאניזאציע אזוי ווי עס קערט זיך צו איר צוקונפט."

**אסעמבלי מיטגליד קריס איטשוס האט געזאגט,** "די Storm King Art Center איז אן אוצר פאר אראנדזש קאונטי און די האדסאן וואלי. די צענטער אינספירירט הונדערטע טויזנטע באזיכער פון ארום די וועלט, און עס מאכט זיי באקאנט מיט די הערליכע לאנדשאפטן וואס נאר ניו יארק סטעיט קען אפפערן. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול און די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל פאר זייער עקסטרעם ברייטהארציגע פינאנצירונג פאר מיין דיסטריקט וואס וועט ערלויבן Storm King צו דורכפירן זייער אמביציעזע אינפראסטרוקטורישע קאמפיין. די אינוועסטירונג אין אונזער קאמיוניטי שיקט א שטארקע מעסעדזש אז ניו יארק איז א קולטורישע צענטער פאר די קונסטווערק, א נאציאנאלע פירער ווען עס קומט צו באשיצן אונזער ענווייראמענט און אן אומבארירטע דעסטינאציע פאר טוריסטן."

**פרעזידענט פון די Storm King Art Center, דזשאן פ. סטערן, האט געזאגט,** "מיר זענען באגייסטערט צו אנהויבן די ארבעט אויף די Storm King'ס סאמע ערשטע אינפראסטרוקטורישע פראיעקט. מיר האבן זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג מיט דעם פראיעקט מיט א פארפליכטונג צו באריכערן און היטן אויף די אויסערגעווענטליכע ערפארונג פון קונסט און נאטור וואס די Storm King גיבט פאר אירע באזיכער, קונסטלער און קאמיוניטי. ניו יארק סטעיט'ס שטיצע, דורך די NYSCA, די ESD און די NYSERDA גרענטס, זענען געווען וועזנטליך ביים אנקומען צו די היינטיגע באגייסטערנדע עררייכונג. איך בין דאנקבאר פאר זייער שותפות וואס וועט אונז ערלויבן צו מיטטיילן Storm King'ס אויסערגעווענטליכע שטח און זאמלונג מיט צוקונפטיגע דורות."

**מיד-האדסאן ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל קאָו-טשעירס, דר. מארשא גארדאן, פרעזידענט און CEO פון די ביזנעס קאונסיל פון וועסטשעסטער, און דר. קריסטין יאנג, פרעזידענט פון SUNY אראנדזש, האבן געזאגט,** "דורך די ראיאנישע קאונסיל'ס "לעב, ארבעט, פארברענג" סטראטעגיע, האבן מיר זיך קאנצענטרירט אויף צו פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר אונזערע

איינוואוינער און צו פארשטערקערן די ראיאן'ס אידענטיטעט אלץ א הויפט טוריסט דעסטינאציע. די אינוועסטירונג אין די Storm King Arts Center וועט צוציהען נאך שפענדונגען פון באזיכער און אויפטרייבן עקאנאמישע וואוקס אריבער די ראיאן."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418